**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/30/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**פאראויס פון לעיבאר דעי וויקענד, מעלדט גאווערנער האקול א קאמפיין פאר זיכערע דרייווען**

***ניו יארק סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג וועלן צילן דרייווער אונטערן איינפלוס און לייכטזיניגע דרייווער מיט עקסטערע פאטראלס דורכאויס די האלידעי וויקענד***

***געז פרייזן אין ניו יארק זענען אראפ מיט 9.5 פראצענט אין פארגלייך צו לעיבאר דעי וויקענד 2023***

***טרו-וועי אויטאריטעט, אפטיילונג פון טראנספארטאציע אפצולייגן שאסיי בוי-ארבעט פאראויס פון ערווארטעטע רעקארד רייזע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג וועלן זיך נעמען אויף דרייווער וואס דרייוון אונטערן איינפלוס און לייכטזיניגע דרייווער דורך פארמערן פאטראלס און טשעק פוינטס דורכאויס לעיבאר דעי וויקענד. די אינפארסירונג צייט אפשניט פאנגט זיך אן פרייטאג, אויגוסט 30, 2024, און לויפט ביז מאנטאג, סעפטעמבער 2, 2024. אויך, מיט די פרייז פון געז אראפ 9.5 פראצענט אין פארגלייך צו לעצטע לעיבאר דעי וויקענד, ווערט ערווארטעט א רעקארד צאל רייזנדע און בוי-ארבעט אויף די שאסייען ווערן אפגעלייגט אויף הויפט סטעיט שאסייען.

"מיר ווילן אלע ניו יארקער צו פארענדיגן די זומער דורך הנאה האבן לעיבאר דעי וויקענד און מאכן זכרונות," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פארמיידן עקסידענטן, ערנסטע שאדן און פאטאליטעטן איז פשוט; בלייבט ניכטער, בלייבט וואכזאם און פאלגט אויס די ספיד לימיט."

**אינפארסירונג מאביליזאציע**

דרייווער קענען ערווארטן צו זען ניכטעריי טשעק פוינטס און פארמערטע פאטראלס דורך סטעיט פאליציי צוזאמען מיט לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן דורכאויס די האלידעי וויקענד. טרופערס וועלן נוצן ביידע אנגעצייכנטע סטעיט פאליציי וויהיקלס און באהאלטענע אידענטיטי טרעפיק ענפארסמענט (Concealed Identity Traffic Enforcement, CITE) וויהיקלס אלס א טייל פון די קאנטראל גרינגער צו אידענטיפעצירן מאטאריסטן וועלכע האבן פארלעצט די געזעץ. CITE אויטאס ערמעגליכן פאר'ן טרופער צו קענען בעסער נאכקוקן דרייוו'ען פארלעצונגען. די קארן מישן זיך אויס מיט די טאג-טעגליכע טראפיק, אבער זיי קענען קלאר דערקענט ווערן אלץ עמערזשענסי קארן ווען די עמערזשענסי לעמפלעך ווערן אנגעצינדן.

אום לעיבאר דעי וויקענד פון 2023, האבן געזעץ אינפארסירונג באאמטע לענגאויס די סטעיט ארעסטירט 988 מענטשן פאר DWI און ארויסגעגעבן 28,856 סך הכל טיקעטס.

דער גאווערנער'ס טרעפיק זיכערהייט קאמיטעט מוטיגט דרייווער צו נוצן די STOP-DW I Have a Plan app צו העלפן טרעפן א פארזיכערטע וועג אהיים. די אומזיסטע עפ ערלויבט באנוצער צו באשטימען א דרייווער, רופן א טעקסי אדער א רייזע-שותף, און צו איבערגיין די קאנסענקווענסן פון דרייוון אונטערן איינפלוס. באניצער קענען אפילו ניצן דעם עפ צו באריכטן אן אנגעטרונקענער אדער אן אנגע׳דראג׳טער דרייווער. די עפ איז אוועילעבל פאר Apple, Android און Windows סמארטפאונס.

דרייווער ווערן אויך דערמאנט אויסצופאלגן די סטעיט'ס Move Over Law, וועלכע איז פארברייטערט געווארן אין מערץ. אונטער די פארברייטערטע געזעץ, מוזן אלע דרייווער פארן שטייטער און זיך אריבעררוקן ווען עס איז פארזיכערט דאס צו טון פאר אלע וויהיקלס וועלכע זענען אפגעשטעלט לענגאויס די שאסיי.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון מאטאר וויהיקלס קאמישענער און טשעיר פון די גאווארנער'ס טרעפיק זיכערהייט קאמיטעט מארק דזש. פ. שרודער האט געזאגט,** "אונזער מעגליכקייט צו מאכן ניו יארק'ס שאסייען פארזיכערט ווערט בלויז געמאכט שטערקער דורך אונזער שותפים אין געזעץ אינפארסירונג. איך וויל באדאנקען די פאליציי פאר זייער נאכאנאנדע געטריישאפט אוועקצונעמען דרייווער וואס דרייוון אונטערן איינפלוס און לייכטזיניגע דרייווער פון אונזערע הייוועיס. די זכרונות וואס ווערן געמאכט דורך פייערן די סוף פונעם זומער זאל קיינמאל נישט צושטערט ווערן דורך א טראגעדיע. עס איז זייער וויכטיג צו נעמען אפאר מינוט און מאכן א פלאן אהיימצוגיין זיכערערהייט."

**ניו יארק סטעיט פאליציי אויפזעער סטיווען ג. דזשעימס האט געזאגט,** "מיר אלע וויסן צו גוט אז טראגעדיעס פאראורזאכט דורך דרייווער וואס דרייוון אונטערן איינפלוס, לייכטזיניגע דרייווער און פארטראכטע דרייווער קענען פארמיטן ווערן. סטעיט טרופערס וועלן זיין שטארק זעהבאר אויף די שאסייען דורכאויס די האלידעי אינפארסירונג צייט אפשניט, צילנדיג די וועלכע לייגן אנדערע אין א סכנה. איך דאנק דעם גאווערנער'ס טרעפיק זיכערהייט קאמיטעט פאר זייער מיטגעטיילטע געטריישאפט צו מאכן זיכערהייט א הויפט פריאריטעט צו האלטן אונזערע שאסייען פארזיכערט פאר יעדעם."

**טרו-וועי אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר פרענק ג. הועיר האט געזאגט,** "זיכערהייט איז די טרו-וועי אויטאריטעט'ס הויפט פריאריטעט, פאר אונזערע דרייווער און אונזערע איינגעשטעלטע. דרייווער זאלן פארן שטייטער און זיך זיכערערהייט אריבעררוקן ווען זיי זעהן סיי וועלכע וויהיקלס אויף די זייט פונעם שאסיי. אונזערע איינגעשטעלטע און עמערדזשענסי פערזענליכקייטן וועלן זיין אינדרויסן צו העלפן דרייווער דורכאויס די האלידעי וויקענד, און מיר ווילן יעדער זאלן קענען אהיימגיין זיכערערהייט צו זייערע פאמיליעס. מיר דאנקען אונזערע פארטנערס ביי ניו יארק סטעיט פאליציי טרופ T פארן פאטראלירן די טרו-וועי און האלטן מאטאריסטן פארזיכערט."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון טראנספארטאציע קאמישאנער מערי טעריז דאמינגעז האט געזאגט,** "לעיבאר דעי וויקענד איז א געלעגנהייט פאר אלע ניו יארקער זיך אויסצושאלטערן, ארויסגיין, און הנאה האבן פון די לעצטע ביסל פון די זומער איידער די וועטער טוישט זיך און שולעס גייען צוריק צו זייער רוטין. דורך אפלייגן בוי-ארבעט דורכאויס די האלידעי וויקענד, וועלן די וואס רייזן אויף אונזערע שאסייען דערגרייכן זייער האלידעי דעסטינאציעס מיט מינימאלע פארשטערונגען, און לענגאויס די וועג, הנאה האבן פון די פולע וואונדער פון די עמפייער סטעיט. איך ערמוטיג אלע דרייווער אויסצופאלגן די געזעצן פונעם שאסיי וויבאלד זיכערהייט ווענדט זיך אויף יעדע פון אונז צו זיין וואכזאם און האבן אויפמערקזאמקייט צו די יעצטיגע פליכט - דרייוון זיכערערהייט. עס איז וויכטיג פאר אלע דרייווער זיך איינצובינדן, אראפלייגן זייערע טעלעפאנען, און זיין גרייט זיך אריבערצורוקן פאר עמערדזשענסי וויהיקלס."

**סיטי פון באטאוויע פאליציי הויפט און פרעזידענט פון די ניו יארק איינהייט פון הויפטן פון פאליציי שאון היבאש האט געזאגט,** "דורכאויס די לעיבאר דעי האלידעי, איז וויכטיג צו געדענקען אז דרייוון אונטערן איינפלוס אדער פארן צו שנעל פארמערט די ריזיקעס פון עקסידענטן און לשטעלט לעבנס אין א סכנה. דרייוון אונטערן איינפלוס פארמינערט רעאקציע צייטן און צושטערט דאס טראכטן, און פארן שנעל פארמינערט אייער מעגליכקייט זיך אפצורופן צו פלוצלינגדיגע טוישונגען אויפן שאסיי. ביטע פייערט פאראנטווארטליכערהייט, פארזיכערט אז איר האט א באשטימטע דרייווער, און פאלגט אייביג אויס ספיד לימיטס צו האלטן אונזערע שאסייען פארזיכערט פאר יעדעם. פאליציי אגענטורן לענגאויס ניו יארק סטעיט וועלן זיין אינדרויסן צו פארזיכערן אז אונזערע שאסייען זענען זיכער."

**דעלעוועיר קאונטי שעריף און פרעזידענט פון די ניו יארק סטעיט שעריפס' איינהייט, קרעיג דאמאנד האט געזאגט,** "ווען איינער דרייווט אונטערן איינפלוס לייגן זיי זיך זעלבסט, זייער פאסאזשירן, און די פובליק אין א ריזיקע. מאכט א פלאן אהיימצוגיין זיכערערהייט. די מעסעדזש איז פשוט: דרייוו'ט ניכטער אדער ווערט אריבערגעצויגן. די שעריפס פון ניו יארק סטעיט ווילן איר זאלט הנאה האבן פון לעיבאר דעי וויקענד און די סוף פונעם זומער אבער אין א קלוגע וועג דורך נישט דרייוון אונטערן איינפלוס."

**בוי ארבעט פראיעקטן אפגעלייגט**
לעיבאר דעי וויקענד פאראורזאכט געוועגליך שווערע טרעפיק דורכאויס די סטעיט. כדי צו פארגרינגערן דאס רייזע אין פארלויף פון די פארנומענע האלידעי וויקענד, וועלן צייטווייליגע לעין פארשליסונגען צוליב שאסיי און בריק בוי-ארבעט פראיעקטן אויף ניו יארק סטעיט הייוועיס ווערן אפגעלייגט אנגעהויבן פון 6 צופרי פרייטאג, אוגוסט 30 ביז 6 צופרי דינסטאג, סעפטעמבער 3.

מאטאריסטן זאלן זיין אויפמערקזאם אז געוויסע ארבעט קען מעגליך אנגיין הונטער פערמאנענטע צעמענטענע ווענט פאר עמערדזשענסי פאררעכטונגען. דאס אפלייגן פון קאנסטרוקציע איז אין איינקלאנג מיט ניו יארק סטעיט'ס דרייווער'ס פירסט איניציאטיוו, וועלכע פריאריטיזירט דאס באקוועמליכקייט פון דרייווערס כדי צו פארמינערן טרעפיק לאסט און רייזע פארשפעטיגונג צוליב ארבעט אויף שאסייען און בריקן.

די טרו-ועי אויטאריטעט דערמאנט מאטאריסטן אז אין די צייט וואס 19 סערוויס געגנטער זענען אפן, זענען אכט פארמאכט און זענען אונטער קאנסטרוקציע אלס א טייל פון די 450 מיליאן [ווידער אנטוויקלונג פראיעקט](). געז סערוויסעס בלייבן אפן ביי אלע לאקאציעס. מאטאריסטן קענען [זען די סערוויס ערטער]() און פלאנירן זייערע אפשטעלונגען אויף די טרו-ועי אויטאריטעט'ס וועבזייטל און אויף דעם אומזיסטן [טעלעפאן עפ](), וואס איז אוועילעבל פאר דאונלאוד אומזיסט אויף iPhone און Android געצייג. די עפ גיבט דרייווער דירעקטע צוטריט צו לעבעדיגע טרעפיק און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן. דרייווער קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען [TRANSalert]() אימעילס, וועלכע געבן איבער די לעצטע טרעפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-ועי.

אזויגערופענע 'טעקסט סטאפס' – אריינרעכענענדיג 'פארק-ענד-רייד' פלעצער, רעסט עיריעס, סערוויס עיריעס און פארקינג עיריעס לענגאויס די סטעיט הייוועיס – שטיצן די סטעיט'ס באמיאונגען צו רעדוצירן אומאויפמערקזאמע דרייוון. אלע טעקסט סטאפס וועלן בלייבן אפן, צושטעלנדיג א פלאץ וואו דרייווערס קענען באקוועמערהייט און זיכערערהייט ניצן זייערע סעלפאָנס און אנדערע מאביל מכשירים פאר רופן, טעקסטן, נאוויגירן, און ניצן סעלפאָן עפס. טעקסטן בשעת'ן דרייוון איז באזונדערס סכנות'דיג אזוי ווי עס פארלאנגט אז דרייווערס זאלן אראפנעמען זייערע אויגן פון די ראוד, די הענט פונעם רעדל און די קאפ פונעם דרייוון.

דרייווער קענען אויך נאכקוקן NYSDOT'S 511NY איידער ארויספארן דורך רופן 1-1-5, באזוכן די 511 וועבזייטל, אדער דאונלאוד'ן די אומזיסט NY511 מאביל עפ אויף iTunes אדער Google Play. די אומזיסטע סערוויס ערלויבט די באניצער צו הערן/זעהן שאסייען אומשטענדן, זעהן 2,219 טראפיק קאמעראס און זיך פארבינדן צו לופט און טראנספארטאציע אינפארמאציע. די עפ האט אויך א 'דרייוו' פיטשעווקע וואס גיבט אלערטס דורך א שטימע לענגאויס אן אויסגעוועהלטע רוט בשעת'ן דרייווען, ווארענענדיג דעם דרייווער איבער אינצידענטן און קאנסטרוקציע.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן